# לעבעדיגע ביישטייערער שטיצע פראגראם
**(Living Donor Support Program)**

ערוואַרטעטע פאַרגיטיגונג פאַרלאַנג בלעטער
(Anticipated Reimbursement Request Worksheets)

NEW YORK STATE DEPARTMENT OF HEALTH
Organ Donation and Transplant

מען מוז נישט נוצן די בלעטער אבער מען קען זיי נוצן אלץ א מיטל פאר די לעבעדיגע ביישטייערער זיך צו רעכענען מיט די אויסגאבעס וועלכע זיי וועלן מעגליך אויסלייגן און בעטן פארגיטיגונג פאר דורכאויס די לעבעדיגע ביישטייערונג פראצעדור. פארגיטיגונג גייט לויט ראטע באשטימט דורך די פראגראם ווען שייך, און באזירט אויף ערהאלטן פארלאנגטע דאקומענטן און פראגראם בארעכטיגונג. קיין שום ביישטייערער פאר זיך וועט נישט ווערן פארגיטיגט פאר מער ווי $14,000 פאר יעדע לעבעדיגע ביישטייערונג. פאקטישע קאסטן קענען זיין אנדערש. נאך פראגראם בארעכטיגונג וועלן פארגיטיגונג וואוטשערס ווערן אריינגעגעבן דורך די לעבעדיגע ביישטייערער איינמאל די קאסטן זענען געווארן אויסגעלייגט און באשטעטיגט.

ווען מען פולט אן די ערווארטעטע פארגיטיגונג פארלאנג בלעטער (Anticipated Reimbursement Request Worksheets), איז וויכטיג צו נעמען אין באטראכט וואס יעדע פאזע איז און וואס די צייט באגרעניצונגען פון יעדע פאזע איז דורכאויס די לעבעדיגע ביישטייערונג פראצעדור. ביטע זעט אונטן פאר אן ערקלערונג איבער יעדע פאזע:

**אפשאצונג:** הויבט זיך אן מיט דעם אז דער לעבעדיגע ביישטייערער פארט אראפ צו די טראנספלאנט צענטער באזוך אויפ'ן פלאץ, איידער די אפעראציע צו מאכן זיכער אז זיי קומען נאך אלע פאדערונגען זיך צו פאראויס רוקן מיט די ביישטייערונג אפעראציע. דאס איז געווענליך א פראצעדור פון 1-2 טעג

**אפעראציע און ערהוילונג:** הויבט זיך אן מיט אראפפארן צו די טראנספלאנט צענטער פאר די אפעראציע און האלט אן ביז א קורצע צייט נאכ'ן ווערן באפרייט פון שפיטאל. די פאזע האלט אן ביז דער לעבעדיגע ביישטייערער איז 8 וואכן נאכ'ן גלידער ביישטייערונג אפעראציע.

**נאכפאלג:** די צייטן באשטימט דורך די טראנספלאנט צענטער ווען דער לעבעדיגע ביישטייערער דארף צוריקקומען פאר באזוכן אינעם צענטער צו אפשאצן פארשריט און/אדער אנדערע געברויכן פון דער לעבעדיגע ביישטייערער. די פאזע האלט אן פון 9 וואכן ביז 12 מאנאטן נאך די גלידער ביישטייערונג אפעראציע.

## ערוואַרטעטע פאַרגיטיגונג פאַרלאַנג בלעטער: פאַרלוירענע געהאַלטער

מען דאַרף נישט ברענגען קיין באַווייז פון איינקונפט ווען מען געבעט זיך איין פאַר די לעבעדיגע ביישטייערער שטיצע פּראָגראַם (Living Donor Support Program) אָבער מען וועט עס דאַרפן צוליב באַשטעטיגונג סיבות איידער מען פאַרלאַנגט פאַרגיטיגונג פון פאַרלוירענע געהאַלטער.

**1.** פאַר וועלכע פאַזע(ס) פון די לעבעדיגע ביישטייערונג פּראָצעדור ערוואַרט איר צו בעטן פונעם לעבעדיגע ביישטייערער שטיצע פּראָגראַם צו פאַרגיטיגן אייערע פאַרלוירענע געהאַלטער?

- ☐ אָפּשאַצונג
- ☐ אָפּעראַציע און ערהוילונג
- ☐ נאָכפאָלג

**באַמערקונג:** די לעבעדיגע ביישטייערער שטיצע פּראָגראַם קען פאַרגיטיגן פאַרלוירענע געהאַלטער פאַר ביז א סך הכל פון 4 וואָכן, אויסער אויב עס זענען דא ספּעציעלע אומשטענדן באַשלאָסן דורך אייער מעדיצינישע פּראָוויידער. מיט דאָקומענטן פון ספּעציעלע אומשטענדן, קען די פּראָגראַם פאַרגיטיגן די פאַרלוירענע געהאַלטער פונעם לעבעדיגע ביישטייערער פאַר ביז א סך הכל פון 8 וואָכן. פּראָגראַם פּאָליסי באַגרענעצט דאָס פאַרגיטיגונג פון פאַרלוירענע געהאַלטער צו 2 טעג פאַר די אָפּשאַצונג פאַזע און 1 טאָג פון פאַרלוירענע געהאַלטער פאַר יעדע אָפּיס באַזוך דורכאויס די נאָכפאָלג פאַזע פון די פּראָצעדור. עס ווענדט זיך אין די לעבעדיגע ביישטייערער צו באַשטימען וויאַזוי צו איינטיילן די געהאַלט פאַרגיטיגונג דורכאויס יעדע אָדער אַלע פאַזעס.

**2.** וויפיל שעות, טעג און/אָדער וואָכן ערוואַרט איר צו פאַרלירן געהאַלטער אין פאַרבינדונג מיט אייער לעבעדיגע ביישטייערונג?

**אָפּשאַצונג:** ____ שעות/טעג

**אָפּעראַציע און נאָך-שפּיטאַליזאַציע ערהוילונג:** ______ שעות/טעג/וואָכן

**נאָכפאָלג:** _____ שעות/טעג

**3.** ביטע שרייבט וואָס אייער גראָוס איינקונפט איז (וויפיל געלט איר האָט פאַרדינט איידער אָראָפּנעמען שטייערן אָדער אויסגאַבן) פון די פאַרגאַנגענע יאָר און פאַרגאַנגענע חודש.

**יערליכע איינקונפט:** __________ $

**מאָנאַטליכע איינקונפט:** __________ $

**4.** פּלאַנט איר צו נוצן געזאַמלטע באַצאָלטע אורלויב צייט (paid time off, PTO) אָדער קראַנקהייט אורלויב צייט צו דעקן סיי וועלכע צייט אַוועק פון די אַרבעט אין פאַרבינדונג מיט אייער ביישטייערונג?

- ☐ ניין
- ☐ יאָ. ביטע ערקלערט: ______________________________________________

**באַמערקונג:**די לעבעדיגע ביישטייערער שטיצע פּראָגראַם פאָדערט נישט פון אייך צו אויסנוצן אייער געזאַמלטע באַצאָלטע אורלויב צייט (PTO) אָדער קראַנקהייט אורלויב צייט, אָבער אויב איר האָט אורלויב צייט און איר ווילט עס האַלטן פאַר אַן אַנדערע מאָל, וועט איר דאָס דאַרפן אויסאַרבעטן און באַשטעטיגן מיט אייער אַרבעטסגעבער. ביטע מאַכט זיכער צו איבערקוקן מיט אייער אַרבעטסגעבער סיי וועלכע לעבעדיגע ביישטייערער בענעפיטן וועלכע זיי קענען מעגליך האָבן פאַר אייך.

**אַנדערע זאַכן צו נעמען אין באַטראַכט:**

| |
|---|
| |

## ערוואַרטעטע פּאַרגיטיגונג פּאַרלאַנג בלעטער: דעפּענדענט קעיר אויסגאַבן

פאַרגיטיגונג פאַר דעפּענדענט קעיר דעקט טשיילדקעיר, אַריינגערעכנט אַ קינד מיט אַ דיסאַביליטי, דעפּענדענט ערוואַקסענער קעיר און עלטערער קעיר. די אַלע וועלן ווערן פאַרגיטיגט אין איינקלאַנג מיט די לעבעדיגעביישטייערער שטיצע פּראָגראַם אַוועקגעשטעלטע ראַטעס.

1. פאַר וועלכע פאַזע(ס) טראַכט איר אַז איר וועט דאַרפן אַז די לעבעדיגע ביישטייערער שטיצע פּראָגראַם זאָל פאַרגיטיגן אייערע טשיילדקעיר אויסגאַבן? דאָס זאָל **נישט** אַריינרעכענען יעצטיגע קעיר, בלויז קעיר וואָס מען דאַרף אין צוגאַב דערצו צוליב די לעבעדיגע ביישטייערונג פּראָצעדור וואָס ווערט געוויינליך דורכגעפירט דורך דער לעבעדיגע ביישטייערער:
   - ☐ אָפּשאַצונג
   - ☐ אָפּעראַציע און ערהוילונג
   - ☐ נאָכפאָלג

2. פאַר וועלכע פאַזע(ס) טראַכט איר אַז איר וועט דאַרפן אַז די לעבעדיגע ביישטייערער שטיצע פּראָגראַם זאָל אייך פאַרגיטיגן פאַר קעיר פון אַ קינד מיט אַ דיסאַביליטי (0-17), דעפּענדענט ערוואַקסענער (18-64) אָדער עלטערער (65+)? דאָס זאָל נישט אַריינרעכענען יעצטיגע קעיר, בלויז קעיר וואָס מען דאַרף אין צוגאַב דערצו צוליב די לעבעדיגע ביישטייערונג פּראָצעדור וואָס ווערט געוויינליך דורכגעפירט דורך דער לעבעדיגע ביישטייערער:
   - ☐ אָפּשאַצונג
   - ☐ אָפּעראַציע און ערהוילונג
   - ☐ נאָכפאָלג

3. רעכן אויס די קינד(ער), קינד(ער) מיט אַ דיסאַביליטי דעפּענדענט ערוואַקסענער און/אָדער עלטערער פאַר וועמען איר וועט דאַרפן אויסאַרבעטן אַנדערע קעיר:

| נאָמען | פאַרבינדונג צום לעבעדיגע ביישטייערער | יאָרגאַנג |
|---|---|---|
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |

**אַנדערע זאַכן צו נעמען אין באַטראַכט:**

| |
|---|
| |

## ערווארטעטע פארגיטיגונג פארלאנג בלעטער: רייזע אויסגאבן און/אדער מענטש צו געבן שטיצע

די אמעריקאנער אלגעמיינע סערוויסעס אדמיניסטראציע (U.S. General Services Administration, GSA) ראטע, באזירט אויף די לאקאציע און יאר ווען די אויסגאבן זענען פארגעקומען, וועט גענוצט ווערן צו באשליסן די מאקסימום פארגיטיגונג פאר הינזיכטן פון רייזע אריינגערעכנט טראנספארטאציע, קווארטיר און מאלצייטן. צו לערנען מער, באזוכט: [gsa.gov/travel](https://gsa.gov/travel).

**ערווארטעטע רייזע אויסגאבן**

דעקונג פון קווארטיר אויסגאבן ווערן באשטימט לויט ווי ווייט דערביישטייערער וואוינט פונעם טראספלאנט צענטער (75 מייל יעדע וועג) און ווען די טראנספלאנט צענטער באשטעטיגט אז דער ביישטייערער מעג רייזן אזוי ווייט פונעם צענטער נאכ'ן שפיטאליזאציע.

**באמערקונג:** מאלצייטן וועלן בלויז ווערן פארגיטיגט ווילאנג דער לעבעדיגע ביישטייערער נויטיגט זיך אין קווארטיר.

נעמט אין באטראכט וועלכע הינזיכטן פון רייזע איר ערווארט צו בעטן פארגיטיגונג פאר און פאר וועלכע פאזע(ס).

| | אפשאצונג | אפעראציע און ערהוילונג | נאכפאלג |
|---|---|---|---|
| **האטעל** | | | |
| **מאלצייטן** | | | |
| **טראנספארטאציע** | | | |

אויב מען בעט פאר טראנספארטאציע, ביטע צייכנט אן די מיטל(ען) פון טראנספארטאציע וואס איר פלאנט צו נוצן ביי איינס אדער אלע פאזעס: C = Car (קאר); A = Flying (פליען); B = Bus (באס); T = Train (טרעין).

**אנדערע ערווארטעטע רייזע אויסגאבן** (ד.מ., פארקינג קאסטן, טאלס, טעקסי, ריידס, א.ד.ג.):

**אנדערע זאכן צו נעמען אין באטראכט:**

**מענטש(ן) וואס באגלייט צו געבן שטיצע**

ניו יארק סטעיט-לעבעדיגע ביישטייערער שטיצע פראגראם קען באצאלן פאר איין באשטימטע מענטש צו געבן שטיצע פאר יעדע רייזע. דער מענטש(ן) וואס געבט שטיצע וועט ווערן פארגיטיגט מיט א גראדע טעגליכע ראטע פון $100.00 פאר ביז 20 טעג אלעס צוזאמען.

| מענטש וואס באגלייט צו געבן שטיצע | צווייטער מענטש וואס באגלייט צו געבן שטיצע |
|---|---|
| ערשטע נאמען: | ערשטע נאמען: |
| לעצטע נאמען: | לעצטע נאמען: |
| פארבינדונג צום ביישטייערער: | פארבינדונג צום ביישטייערער: |

| מענטש וואס באגלייט צו געבן שטיצע | צווייטער מענטש וואס באגלייט צו געבן שטיצע |
|---|---|
| רייזע(ס): צייכנט אלע וואס זענען גילטיג<br>☐ אפשאצונג<br>☐ אפעראציע און ערהוילונג<br>☐ נאכפאלג | רייזע(ס): צייכנט אלע וואס זענען גילטיג<br>☐ אפשאצונג<br>☐ אפעראציע און ערהוילונג<br>☐ נאכפאלג |

## ערווארטעטע פארגיטיגונג פארלאנג בלעטער: מעדיצינישע אויסגאבן

רעכן זיך מיט אויסגאבן אויב מען האט אייך געלאזט וויסן איבער סיי וועלכע מעדיצינישע אויסגאבן וועלכע מען קען נישט פארגיטיגן דירעקט פארבינדן מיט די לעבעדיגעביישטייערונג אפשאצונג און/אדער, וואס קומט אלץ רעזולטאט פון די אפעראציע און/אדער ארויפגעקומען ביים נאכפאלג. דאס קען זיין אויסגאבן אזוי ווי קא-פעיס פאר מעדיצינען, אפיס באזוכן און טעסטינג און/אדער מעדיצינישע געצייג ספעציפיש פארבינדן מיט די גלידער ביישטייערונג פראצעדור.

| ערווארטעטע מעדיצינישע אויסגאבן דירעקט פארבינדן מיט גלידער ביישטייערונג | ערווארטעטע קאסטן |
|---|---|
| **אומבאצאלטע/אומפארגיטיגטע פרעסקריפשען מעדיצינען פאר גלידער ביישטייערונג** | |
| | |
| | |
| | |
| | |
| | |
| | |
| | |
| **אנדערע אומבאצאלטע/אומפארגיטיגטע מעדיצינישע אויסגאבן** (ביטע שרייבט איינצלהייטן איבער די אומבאצאלטע/אומפארגיטיגטע מעדיצינישע אויסגאבן אונטן) | |
| | |
| | |
| | |
| | |
| | |
| | |
| | |
| **סך הכל אויסגאבן:** | $ 0.00 |